**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג אין 'ערד וואך', אנאנסירט גאווערנער האקול מער פון 5.4 מיליאן דאלאר אין געשאנקענע 'קלוגע וואוקס' גרענטס פאר קאמיוניטיס אין קעטסקילס און עדיראַנדעקס**

***פינאנצירטע פראיעקטן וועלן שטיצן האוזינג אינציאטיוון, בארייכערן קולטורישע איינריכטונגען און פארוויילונג געלעגנהייטן און אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס וואס גייט צוזאמען מיט ענווייראמענטאלע באשיצונג***

***אנאנס קומט צוזאמען מיט אנהויב ארבעט אויף Peekamoose Blue Hole פארקינג לאט פאר 80 קארן דעזיינט צו שטופן פאר זיכערע און ענווייראמענט-פריינטליכע קעטסקיל באזוכן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 5.4 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 48 קאמיוניטיס און ארגאניזאציעס אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס פאר 'קלוגע וואוקס' איניציאטיוון. די פינאנצירטע פראיעקטן וועלן שטיצן ראיאנען וואס זענען בארימט פארן פארבינדן באזיכער צו די נאטור דורכן פארבעסערן און אויסברייטערן פארוויילונג געלעגנהייטן; אדרעסירן אינפראסטרוקטור, ענערגיע און אפּאָרדעבעל האוזינג באדערפענישן אין די ארטיגע דערפלעך; צושטעלן פארבעסערונגען צו די באזיכער צענטער, טעאטער און מוזעאום; פארבעסערן צוגענגליכקייט און זיכערהייט אנגעלעגנהייטן; און שטיצן ארומנעמיגע פלאנירונג באמיאונגען.

"'קלוגע וואוקס' גרענטס זענען א קריטישע אינוועסטירונג אין אונזערע קאמיוניטיס, פלעגנדיג שטאנדהאפטיגע אנטוויקלונג, עקאנאמישע בליהאונג און א בארייכערטע קוואליטעט פון לעבן פאר אלע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די גרענטס, טוהען מיר באפולמעכטיגן לאקאלע פירער צו איינפירן פאראויס-קוקנדע לייזונגען וואס אדרעסירן דרוקנדע אנגעלעגנהייטן בשעת'ן גיסן די יסודות פאר א לעבעדיגערע, מער בליהענדע צוקונפט. מיין אדמיניסטראציע'ס קאנצענטראציע אויף דעם האוזינג קריזיס איז צענטראל אין די רונדע פון געשאנקענע גרענטס, מיט פינאנצירונג ווערנדיג צוגעטיילט פאר לאקאלע האוזינג רעגולאציעס ענדערונגען און פאר קאסטן פון אפּאָרדעבעל האוזינג פראיעקטן בעפאר די דעוועלאפמענט הויבט זיך אן."

'קלוגע וואוקס' איז א צוגאנג צו פלאנירונג און אנטוויקלונג אין א קאמיוניטי וואס שטופט פאר באנוץ פון שטחים אויף א וועג וואס שאפט וואוינבארע, שטאנדהאפטיגע און געערעכטע קאמיוניטיס. 'קלוגע וואוקס' קען גיבן די ריכטיגע באלאנס צווישן אויפבויען און אפהיטן שטחים, שטופנדיג פאר עטליכע לאנד באנוץ פלאנירונג פרינציפן ווי דאס צוריקברענגען אופנים פון לאנד באנוץ וואס פלעגן נאטורליך געפונען ווערן אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס.

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) צייטווייליגער קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "לאקאלע רעגירונג שותפים זענען צענטראל צו די הצלחה פון די DEC'ס עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק אפהיטונג

באמיאונגען, און דורכן אינוועסטירן דירעקט אין פארק קאמיוניטיס, ווייזט גאווערנער האקול וויאזוי די באשיצונג פון נאטורליכע קוועלער און עקאנאמישע אנטוויקלונג קענען באלאנסירט ווערן. באפולמעכטיגן לאקאלע רעגירונגען צו אויפקומען מיט נייע געדאנקען, ארבעטן צוזאמען און זיך קאנצענטרירן אויף לאקאלע רעגירונגען שטאנדהאפטיגקייט איז א וועזנטליכע ערגענצונג צו די סטעיט'ס אגרעסיווע באשיצונג באמיאונגען, און עס העלפט שאפן לאנגיאריגע שותפות'ן און די פארק קאמיוניטיס פון די צוקונפט."

די הייניטגע פינאנצירונג אנאנס ערגענצט יארן פון סטעיט שריט צו שטיצן קלוגע וואוקס פלאנירונג און איינפירונג פון שטאנדהאפטיגקייט פראיעקטן. דאס רעכנט אריין די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף א נייע פארקינג לאט און א צוגענגליכע פארבינדנדע טרעיל פאר באזיכער צו די Peekamoose Blue Hole און די דערנעבנדע Rondout Creek טייך פלאץ אין די סאַנדאַון ווילד וואלד, טאון אָוו דענינגע, אָלסטער קאונטי, וואס וועט שטופן פאר זיכערע און ענווייראמענט-פריינטליכע באזוכן. די פארקינג לאט מיט פלאץ פאר 80 קארן וועט ערלויבן די וואקסנדע צאל באזיכער צו גרינגער פארקירן זייערע קארן, העלפנדיג פארמיידן אומאויטאריזירטע פארקינג לענגאויס די זייטן פון שאסייען, און אזוי אויך וועט עס גיבן א דירעקטע וועג צו די Blue Hole. אין די פארגאנגענהייט זענען באזיכער געווען אויסגעשפרייט צווישן עטליכע באזונדערע פארקינג לאטס לענגאויס די גאנצע דריי מייל פון די וואסער שטרום אין פיקעמוס וואלי.

די נייע 3,270-פיסיגע צוגענגליכע פארבינדנדע טרעיל, צוזאמען מיט די נייע פארקינג לאט, וועט העלפן שיקן טראפיק אן אנדערע וועג און גיבן באזיכער א גלאטערע און הנאה'דיגע ערפארונג אן שטעלן אין געפאר די פובליק זיכערהייט אדער נעגאטיוו ווירקן אויף נאטורליכע קוועלער. אין לעצטערע יארן האבן פארמערטע באזוכן צו די פאפולערע פלעצער געפירט צו אומזיכערע פארקינג און הייקינג, און פארמערטע רעטונגען, מיסט און אנדערע שאדן צו די סביבה. באזיכער ווערן דערמאנט אז א פערמיט איז פארלאנגט צו נוצן די גאנצע פלאץ צווישן מאי 15 און סעפטעמבער 15 יערליך, און עס קען באקומען ווערן דורך די [DEC'ס וועבזייטל].

**קלוגע וואוקס גרענטס**
די DEC'ס 'קלוגע וואוקס' (Smart Growth) גרענט פראגראם שטיצט אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן און קאמיוניטי אנטוויקלונג איניציאטיוון וואס פארבינדן ענווייראמענטאלע באשיצונג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואוינבארקייט — זיך האלטנדיג צו די ספעציעלע באשיצנדע תנאים פון די וואלד פרעזערוו. פאלגנד איז א ליסטע פון די פינאנצירטע פראיעקטן אין 2024.

**עדיראַנדעק פארק פראיעקטן** – 36 גרענטס פאר א סך הכל פון $4,386,247.

פראיעקטן צו אדרעסירן אפאָרדעבעל האוזינג באדערפענישן:

- האוזינג הילף פראגראם פון עסעקס קאונטי: $300,000 – Adirondack Roots ראיאנישע האוזינג פרי-דעוועלאפמענט פראגראם
- Northern Forest Center, Inc.: $125,000 – אויפטרייבן האוזינג דעוועלאפמענט אין עדיראַנדעק קאמיוניטיס
- ווארען קאונטי פלאנירונג דעפארטמענט: $105,288 – בליהענדע דערפער: א 21'סטע יאר הונדערט צוגאנג צו דארף דעוועלאפמענט

פראיעקטן קאנצענטרירט אויף פארוויילונג, סביבה, ענווייראמענט-פריינטליכע עקאנאמישע וואוקס און אנדערע קלוגע וואוקס פריאריטעטן:

**עסעקס קאונטי**

- ווילעדזש אָוו לעיק פּלעסיד: $300,000 – טרעיל אריינגאנג פון די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל
- ווילעדזש אָוו סערענק לעיק: $300,000 – רייניגן פארפעסטיגונג פון זאמד פאר קאנסטרוקציע פון נייע Pendragon Theatre
- עסעקס קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפּמענט אגענטור (Industrial Development Agency, IDA): $125,000 – אגריקולטור פראדוצירער אויפלעבונג 'מייקראָו-ענטערפרייז' גרענט
- טאון אָוו קין: $125,000 – איסט ברענטש קאמיוניטי טרעילס און דארף פארבינדונג
- טאון אָוו ניוקאמב: $125,000 – ניוקאמב וועלקאָם סענטער
- PRIDE of Ticonderoga: $122,000 – אייביגע אייז: אריינגעבויטע פארוויילונג און עקאנאמישע וואוקס איינריכטונג
- טאון אָוו נאָרט עלבא: $115,000 – קאמיוניטי פּאמפּ טרעק
- טאון אָוו עסעקס: $103,355 – וואלאנסבורג דארף – שאסיי שטודיע און אינדזשענירונג דעזיין
- Champlain Area Trails: $100,000 – פארמערן פערמאנענטע עפנטליכע צוטריט צו טרעילס אין די טשעמפּלעין וואלי פון די עדיראַנדעק פארק
- ווילעדזש אָוו סערענק לעיק: $100,000 – עררייכבארקייט שטודיע פאר די Lake Flower Avenue גאס אויסקוק
- טאון אָוו דזשעי: $66,960 – ארומנעמיגע פלאן
- טאון אָוו וועסטפּארט: $65,000 – ארומנעמיגע פלאן
- Fort Ticonderoga Association: $30,000 – פארשונג צענטער פרעזערווירונג

**פרענקלין קאונטי**

- טאון אָוו טאָפּער לעיק: $300,000 – באן סטאנציע רעלסן טרעיל גרייטקייט שטח פארבעסערונגען
- פרענקלין קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט: $125,000 – Adirondack Park Road אריבערפליסנדע שטרום קאנטראל פלאנירונג
- טאון אָוו העריעטסטאון: $122,000 – מוניציפּאלע פארק אויסברייטערונג

**פוּלטאָן קאונטי**

- פוּלטאָן קאונטי: $135,000 – גרעיט סקענדאגא לעיק מוזעאום און באזיכער צענטער
- טאון אָוו קאראָוגע: $99,700 – ווילערוויל טרעילס: פאזע צוויי

**העמילטאן קאונטי**

- Adirondack Historical Association: $125,000 – "די אפריקאנער-אמעריקאנער ערפארונג אין די עדיראַנדעקס" פערמאנענטע אויסשטעלונג
- Adirondack Lakes Center for the Arts: $125,000 – איינקויף פון Potters Resort שטח
- ADKACTION.ORG, INC.: $124,396 — באשטויבנדע חיות- און פארוויילער-פריינטליכע איבערגעדעקטע מיסט גרוב אויפרעכטונג
- ווילעדזש אָוו ספּעקיולעיטאר: $65,000 – ארומנעמיגע פלאן
- Indian Lake Theater: $26,475 – געביידע צוטריט און זיכערהייט פראיעקט

**הערקימער קאָונטי**

- טאַון אָוו וועב: $125,000 – פאררעכטונג און פארבעסערונג פון שניי פראדוקציע עקוויפּמענט פאר מעקקאולי מאונטעין
- Old Forge Library: $62,745 – אריבערגאנג צו הייצונג און קילונג סיסטעם וואס נוצט היץ פון די ערד ('דזישאָו-טערמעל") און וואסער אין רערן ('הייִדראניק')

**לוּאיס קאָונטי**

- לוּאיס קאונטי פלאנירונג דעפּארטמענט: $125,000 – ווינטער פארוויילונג טרעיל דעוועלאפּמענט פלאן
- לוּאיס קאונטי פלאנירונג דעפּארטמענט: $125,000 – אינטערנעט סערוויס אויסברייטערונג
- טאַון אָוו גרייג: $52,083 – ארומנעמיגע פלאן

**אניידע קאָונטי**

- טאַון אָוו פארעסטפּארט: $42,245 – פרעמדע ים באשעפענישן פארמיידונג- שילדן און אויפקלערנדע מאטעריאלן

**ווארען קאָונטי**

- טאַון אָוו לעיק דזשארדזש: $125,000 – מעקפיליפּס פרעזערוו ביי פּרענטש מאונטעין דרויסנדיגע קלאסצימער און הייקינג טרעיל פאר ערפארענע הייקערס
- טאַון אָוו לעיק לוזערן: $125,000 – לעיק לוזערן דעסטינאציע שפּילארט
- טאַון אָוו באלטאָן: $124,000 – אפלויף וואסער שאדן פארמינערונג פראיעקט
- טאַון אָוו העיג: $25,000 – ארומנעמיגע פלאן ענדערונגען

**קעטסקיל פארק פראיעקטן** – 12 גרענטס פאר א סך הכל פון $1,075,021.

פראיעקטן צו אדרעסירן אפאָרדעבעל האוזינג באדערפענישן:

- טאַון אָוו האָנטער: $125,000 – שטאנדהאפטיגע ארומנעמיגע פלאן און האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי לאקאלער געזעץ

פראיעקטן קאנצענטרירט אויף פארוויילונג, סביבה, ענווייראמענט-פריינטליכע עקאנאמישע וואוקס און אנדערע קלוגע וואוקס פריאריטעטן:
**מערערע קאונטיס (גרין, אָלסטער און דעלעווער)**

- Catskill Center for Conservation and Development: $148,078 – באַרייכערן ערפארונג פון באזיכער אין די קעטסקיל פארק

**דעלעווער קאונטי**

- טאון אָוו קאלטשעסטער: $91,000 – ארומנעמיגע פלאן ענדערונגען
- ווילעדזש אָוו מארגארעטוויל: $50,000 – ארומנעמיגע פלאן ענדערונגען
- טאון אָוו מידלטאון: $50,000 – ארומנעמיגע פלאן ענדערונגען

**גרין קאונטי**

- טאון אָוו פרעטסוויל: $125,000 – פּרעטסוויל פארק
- ווילעדזש אָוו טענערסוויל: $125,000 – אפּער לעיק פארק
- New York New Jersey Trail Conference: $73,443 – קעטסקיל טרעיל אפהיטונג פראגראם
- ווילעדזש אָוו טענערסוויל: $47,500 – ריפּ ווען ווינקל פארק/האָקעלבערי טרעיל שילדן
- Mountain Top Arboretum: $35,000 – ערקלערנדע שילדן

**אָאולסטער קאונטי**

- טאון אָוו שענדעיקען: $125,000 – שענדעינקען פארקס פראיעקט — גלענברוק פארק איבערבויאונג
- טאון אָוו שענדעינקען: $80,000 – ארומנעמיגע פלאן

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "די 'קלוגע וואוקס' שיטה איז באזונדערס וויכטיג אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס, אזוי ווי מיר זוכן צו פארגרעסערן אונזערע היסטארישע מוניציפאלע צענטערן בשעת'ן אויך אפהיטן די פראכטפולע נאטורליכע קווועלער. די סטעיט דעפּארטמענט און DEC קלוגע וואוקס פראגראמען ארבעטן האנט ביי ההאנט צו ערגרייכן א געזונטע באלאנס צווישן וואוקס און אפהיטונג אין די פארקס. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די DEC פארן ווייטער שטופן די צוועק פון קלוגע און שטאנדהאפטיגע וואוקס אין ניו יארק סטעיט."

**עדיראַנדעק פארק אגענטור עקזעקיוטיוו דירעקטארין, בארבארע רייס, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טוט דער קלוגע וואוקס גרענט פראגראם פארזעצן צו העלפן פאראויס שטופן גוט פלאנירטע, קאמיוניטי-אינספירירטע פראיעקטן וואס בויען ארויף אויף די אייגנארטיגקייט פון די 101 טאונס און ווילעדזשעס אין די פארק. לעבהאפטיגע און פארשידנארטיגע קאמיוניטיס זענען אינגאנצן וועזנטליך צו פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע לעבהאפט פון די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס. 'קלוגע וואוקס' פינאנצירונג העלפט דאס מאכן געשעהן."

**Adirondack Association of Towns and Villages (AATV) פרעזידענט, סטיוו מעקנעלי, האט געזאגט,** "די AATV און אירע מיטגלידעקר זענען דאנקבאר פאר די אינוועסטירונג וואס די DEC's 'קלוגע וואוקס' פראגראם שטעלט צו אין די עדיראַנדעק פארק. אפגעזעהן צי מיר האבן דרוק צו בויען אדער עקאנאמישע פראבלעמען — האבן כמעט אלע פון אונזערע קאמיוניטיס אנגעלעגנהייטן מיט וואס זיך צו אפגעבן, און דאס איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו צוטיילן געלט פאר פלאנירונג און פראיעקטן אין וועלכע מיר זענען אינוועסטירט לאקאלערהייט."

**Catskill Watershed Corporation (CWC) עקאנאמישע אנטוויקלונג דירעקטארין, בארבארע פוגליסי, און Catskill Watershed Corporation עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דזשעיסאן מערווין, האבן געזאגט,** "די Catskill Watershed Corporation איז דערפרייידט מיט די אנאנס איבער גרענטס פאר מערערע קאמיוניטיס ארום די וואסער שטרום סיסטעם אינערהאלב דעם קעטסקיל פארק ראיאן. די גרענטס וועלן ארויסהעלפן לאקאלע קאמיוניטיס מיט לאנג-טערמיניגע פלאנירונג ציהלן, פארוויילונג, טוריזם מארקעטינג און אלגעמיינע קאמיוניטי לעבהאפטיגקייט. די 'קלוגע וואוקס' גרענטס זענען אין איינקלאנג מיט די באדערפענישן פון אונזערע מיטגלידערישע טאונס און מיט די CWC'ס צוויי-פאכיגע מיסיע פון וואסער קוואליטעט באשיצונג און קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט."

די גרענטס וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן ווערן געשטיצט דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund, EPF). די 2024-25 סטעיט בודזשעט וועט אנהאלטן די EPF פינאנצירונג איוף 400 מיליאן דאלאר — די העכסטע סומע פון פינאנצירונג אין די היסטאריע פון דעם פראגראם. די EPF איז א קריטישע מיטל פאר ענווייראמענטאלע פראגראמען, צוםביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון אריינדרינגענדע פרעמדע באשעפענישן, צוטריט צו פארוויילונג ערטער, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט פראיעקטן. אין צוגאב, זעצט די דורכגעפירטע 2024-25 סטעיט בודזשעט פאר צו שטיצן ניו יארק'ס וואלד פרעזערוו מיט 10 מיליאן דאלאר פאר די קעטסקיל און עדיראַנדעק וואלד פרעזערוו פאר שטאנדהאפטיגקייט און אויפהאלטונג פראיעקטן, און אזוי אויך פינאנצירונג פאר לאקאל-וויכטיגע אינציאטיוון ארייגרעכענענדיג $250,000 פאר די [Catskills Visitor Center](Catskills Visitor Center) און $180,000 פאר די Cary Institute צו שטיצן די Catskills Science Collaborative וואס ארבעט צו פאראויס שטופן וויסנשאפטליכע פארשונג און ענווייראמענטאלע נאכפאלגונג אין די קעטסקילס.

פאר ווייטערע איינצלהייטן איבער די געשאנקענע גרענטס און אינפארמאציע איבער 'קלוגע וואוקס' פלאנירונג און דורכפירונג אקטיוויטעט אינערהאלב די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס, באזוכט די DEC'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן